**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 11/17/2021 **גאווערנער קעטי האקול**

**גאווערנער האקול אנאנסירט דאס אננעמען פון קאנאדישע וואקסינאציע קרעדענשעלס פאר ביזנעס איינטריט אין ניו יארק סטעיט**

***פארטרעט די ערשטע קרעדענשעל איבערטויש צווישן ניו יארק סטעיט און א נישט-יו-עס קערפערשאפט***

***קאוויד-19 וואקסין סערטיפיקאטן ארויסגעגעבן פון זיבן קאנאדישע פראווינצן / שטחים קענען ווערן וואלידירט דורך דער סטעיט'ס 'עקסעלסיאָר פאַס' סקענער עפ***

***העכער 6.6 מיליאן פאסן, אריינגערעכנט איבער 1 מיליאן 'עקסעלסיאָר פאַס פלוס' אפגענומען ביז היינט***

***'עקסעלסיאָר פאַס פלוס' איז איצט אפדעיט'עט אריינצורעכענען ניו יארקער'ס בוסטער אדער צוגאב דאזעס***

***בארעכטיגטע ניו יארקער קענען אפנעמען זייער 'עקסעלסיאָר פאַס פלוס' [דא](#)***

***ארגאניזאציעס און ביזנעסער איבער'ן גאנצן לאנד קענען דאונלאד'ען דעם אומזיסטן 'עקסעלסיאָר פאַס' סקענער עפ [דא](#)***

גאווערנער קעטי האקול האט היינט געמאלדן אז דיגיטאלע קאָוויד-19 וואקסינאציע קרעדענשעלס ארויסגעגעבן פון קאנאדישע פראווינצן און שטחים וועלכע פאלגן נאך [סמארט העלט קארדס ספעציפיקציעס](#) וועלן זאפארט ווערן אנגענומען דורך דעם סטעיט'ס 'עקסעלסיאָר פאַס' סקענער אפליקאציע. נאכפאלגנדיג דאס צוריק אויפעפענען פון דער יו-עס קאנאדישע גרעניץ, באדייט אז פולשטענדיג וואקסינירטע קאנאדער קענען ניצן זייערע קאמפעטיבעל וואקסינאציע קרעדענשעלס פאר ביזנעס איינטריט אין ניו יארק. פון נאוועמבער 9 אן, גיבן זיבן פראווינצן און שטחים אין קאנאדע וואקסין סערטיפיקאטן וועלכע טרעפן צו די סטעיט'ס באדינגונגען. דאר רעכנט אריין קוועבעק, מאניטאבא, יוקאן, סאסקאטשעוואן, נאווא סקאושע, נארט-וועסט טעריטאריס, ניופאונדלענד און לעברעדאר. נאך קאנאדישען פראווינצן און שטחים זענען ערווארטעט נאכצופאלגן און וועלן אין די נאענטע טעג ווערן געמאלדן.

"ניו יארק סטעיט שטאלצירט זיך צו ארבעטן מיט אונזערע קאנאדישע שכנים צו פארזיכערן קאמפעטיביליטי מיט אונזער 'עקסעלסיאָר פאַס' סקענער אפליקאציע," **האט גאווערנער האקול געזאגט.** "מיט דער גרעניץ צוריק אויפגעעפנט וועט דער וויכטיגער צוזאמענארבעטשאפט פארשנעלערן דער אומקער פון קריטיש-וויכטיגע ביזנעס, מסחר, און עקאנאמישע אנטוויקלונג אקטיוויטעט. דאס איז באדייטנדע נייעס פאר פילע קאנאדישע — און די ניו יארקער ביזנעסער און קערפערשאפטן וואס באשעפטיגן און שטייען גרייט זיי אויפצונעמען — וועלכע קענען איצט דאס טוהן זיכערערהייט. צוליב די

כסדר׳דיגע אינאוואציע פון אונזער ׳עקסעלסיאָר פּאַס׳ פלאטפארמע, טוהט ניו יארק סטעיט פארזעצן ווייטער צו שאפן די מיטלען וואס טרעפן צו די געברויכן פון היינט ווי אויך די אויפקומענדע געברויכן פון מארגן פאר יחידים און ביזנעסער צוגלייך."

ווי געמאלדן דורך גאווערנער האקול אום אקטאבער 5׳טן, איז ניו יארק סטעיט׳ס ׳עקסעלסיאָר פּאַס׳ סקענער אפליקאציע געווארן אפדעיט׳עט צו ערמעגליכן די פעסטשטעלונג פון אנדערע פּאַסן וועלכע טרעפן צו די סטעיט׳ס סטאנדארטן פון ארויסגעבן. די סטאנדארטן רעכענען אריין די באדייט פון פולשטענדיג וואקסינירטע באזירט אויף פעדעראלע און סטעיט קאָוויד-19 פובליק געזונטהייט אנווייזונגען, וואס רעכנט אריין סיי CDC און סיי WHO באשטעטיגטע קאָוויד-19 וואקסינען. מיט׳ן פאראויס-ציען דאס אננעמען פון וואקסינאציע קרעדענשעלס מיט נישט-יו-עס קערפערשאפטן, וועלן קאנאדישע איינוואוינער וועלכע האבן באקומען דעם אסטראזענעקא / אקספארד קאוויד-19 וואקסין און האלטן א קאמפּעטיבּל קרעדענשעל וועלן קענען ניצן זייער דיגיטאלע סערטיפיקאט לענגאויס דעם סטעיט.

**קהוואר נאסים, עקטינג קאנסול גענעראל פון קאנאדע אין ניו יארק, האט געזאגט,** "אזוי ווי מיינע קאנאדישע מיט-בירגער לאזן זיך ארויס צוריק קיין ניו יארק צו באזוכן איר פילע אטראקציעס, זיך ווידער-באהעפטן מיט פאמיליע און פריינט, און אונטערהייבן ביזנעס באציאונגען, בין איך דערפרייידט און דאנקבאר אז זייערע פראווינציעלע און טעריטאריעלע וואקסין קרעדענשעלס וועלן ווערן אנערקענט ניצנדיג דעם ׳עקסעלסיאָר פּאַס׳ סקענער."

**מארטין העבערט, קוועבעק דעלעגאט גענעראל אין ניו יארק, האט געזאגט,** "עס פריידט אונז זייער אז די פילע געשפרעכן צווישן די רעגירונג פון קוועבעק און די סטעיט ניו יארק האבן געפירט צו אן ערפאלגרייכע צוזאמענארבעט וואס וועט ערמעגליכן פאר קוועבעק׳ס וואקסיקאוד צו ווערן אנערקענט דורך דער ׳עקסעלסיאָר פּאַס׳ און דאס זעלבע פארקערט. דאס איז ווידערשמאל א גרויסע ביישפיל פון די פראדוקטיווע קוועבעק-קאנאדע-ניו יארק קרוב׳שאפט, און מיר זענען אנטשלאסן פארצוזעצן ווייטער צו ארבעטן אויף צו פארשטערקערן אונזערע שטארקע און בליענדע באציאונגען."

ביז היינט זענען געמאכט געווארן איבער 163,000 דאונלאדס פון דעם ׳עקסעלסיאָר פּאַס׳ סקענער אפליקאציע — וואס ווייזט אויף דאס איינגלידערן איבער טויזנטער ניו יארקער ביזנעסער, וועלכע ניצן ווייטער אויס ׳עקסעלסיאָר פּאַס׳ אויף צו קענען גרינג און גלאטיג פעסטשטעלן א מענטש׳ס וואקסינאציע סטאטוס. די פארברייטערונג פון דער סקענער אפליקאציע׳ס פעאיגקייטן העלפט ביזנעסער אנצונעמען מער קליענטן וואס קומען פון אויסער ניו יארק סטעיט. נאכפאלגנדיג די היינטיגע מעלדונג, אין צוגאב צו די זיבן קאנאדישע פראווינצן און שטחים, וועט דאס אויך אריינגעמען פאסן ארויסגעגעבן דורך אנדערע יו-עס סטעיטס, ווי קאליפארניע, קאלאראדא, דעלעווער, לואיזיאנע, ווירדזשיניע און וואשינגטאן סטעיט.

ניו יארק סטעיט איז געווען די ערשטע אין לאנד איינצופירן א באוויז פון קאָוויד-19 וואקסינאציע און נעגאטיווע טעסט קרעדענשעל סיסטעם אום מערץ 2021. ביז היינט זענען העכער 6.6 מיליאן פאסן, אריינגערעכנט איבער איין מיליאן ׳עקסעלסיאָר פּאַס *פלוס׳*, ארויסגעגעבן געווארן. אלס טייל פון דער היינטיגער אפדעיט, קענען ניו יארקער וועלכע האבן באקומען זייער בוסטער אדער צוגעגעבענע קאוויד-19 וואקסין דאזע קענען איצט אפנעמען זייערע ׳עקסעלסיאָר׳ וואקסינאציע פּאַס *פלוס* — וואס איז א זיכערע קאָפּיע פון א מענטש׳ס וואקסינאציע רעקארד און עקספּירירט נישט. ניו יארקער וועלכע האבן פריער באקומען זייער עקסעלסיאָר וואקסינאציע פּאַס *פלוס* קענען פשוט באזוכן epass.ny.gov אויף אפצונעמען זייערע פּאַסן *פלוס*. א יחיד מעג האלטן וויפיל פאסן אויף וואס זיי זענען בארעכטיגט.

אזוי ווי די סטעיט זעצט פאר ווייטער צו פארברייטערן די ׳עקסעלסיאָר פּאַס׳ לייזונג ארכיטעקטור צו טרעפן צו די נייע געברויכן פון ניו יארקער און ביזנעסער, ווערט מער שטיצע אנגעבאטן פאר אנדערע

סטעיטס און קערפערשאפטן צו פארשנעלערן די אנטוויקלונג פון אינטעראפערירליכע לייזונגען. אום אקטאבער 27סטן האט גאווערנער האקול אנאנסירט אז עס אזי דא צו באקומען דעם ניו יארק סטעיט עקסעלסיאָר פּאַס בלופרינט — דער לאנד׳ס ערשטע פרעימווארק צו העלפן אנדערע סטעיטס און רעגירונגען אין דאס אנטוויקלען פון דיגיטאלע געזונטהייט קרעדענשעלס, באזירט אויפן ׳עקסעלסיאָר פּאַס׳ פלאטפארמע. נאכפאלגנדיג אויף דעם בלופרינט׳ס אויסגאבע, וועט ניו יארק סטעיט האלטן א סעריע ווירטועלע פארקומענישן און וועבינארן צוצושטעלן נאך מיטלען און טעכנישע שטיצע פאר די וועלכע זענען פאראינטערעסירט דערין.

ניו יארקער וועלכע זענען פאראינטערעסירט אין א פּאַס וואס קען געניצט ווערן אויסער ניו יארק סטעיט און / אדער רעכנט אריין זייער בּוסטער אדער צוגעגעבענע דאזע ווערן דערמוטיגט אפצונעמען זייער עקסעלסיאָר וואקסינאציע פּאַס *פלוס* דא.

ארגאניזאציעס און ביזנעסער קענען אויסגעפונען מער איבער דעם ׳עקסעלסיאָר פּאַס׳ סקענער עפּ — אומזיסט פר סיי וועלכע ביזנעס איבער׳ן לאנד און צו באקומען אין איבער צען שפראכן — און ניו יארק סטעיט׳ס טראַסטעד אישוערס פרעימווארק דא. צו דאונלאד׳ען ניו יארק סטעיט׳ס ׳עקסעלסיאָר פּאַס׳ בלופרינט, באזוכט דעם לינק דא.

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418

זיך אויסשרייבן